**אויף באלדיגע פובליקירונג:** 9/1/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל און נאך ניין גאווערנארס שיקן בריוו צו קאנגרעס פירערשאפט רופנדיג אריבערצופירן ווירקנדע קלימאט געזעצן**

***בריוו רופט אויף קאנגרעס צו לייגן אלץ פריאריטעט הויפט עלעמענטן פון פרעזידענט ביידן'ס בוי צוריק בעסער אגענדע צו באשיצן די קלימאט***

***גאווערנארס פארלאנגען אז 40 פראצענט פון בענעפיטס פון קלימאט און ריינע אינפראסטראקטור אינוועסטירונגען זאלן געמאכט ווערן אין קאמיוניטיס אין נויט***

***דרוקט [דא](#) צו זעהן די בריוו***

גאווערנאר קעטי האוקאל און נאך ניין גאווערנארס האבן היינט געשיקט א בריוו צו די קאנגרעס ספּיקער נענסי פּעלאָוסי און צו דעם סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער רופנדיג אויף זיי אריבערצופירן סיי די אומפארטייאישע אינפראסטראקטור דיעל און סיי א רעקאנסיליעישען ביל וואס באנעמט זיך מיט די דרינגנדע דראאונגען פון אונזער צייט און וואס אדרעסירט די קלימאט קריזיס. די גאווערנארס רופן אויף קאנגרעס צו לייגן אלץ פריאריטעט הויפט עלעמענטן פון פרעזידענט ביידן'ס "בוי צוריק בעסער" אגענדע וועלכע וועלן די מערסטע ווירקן צו באשיצן די קלימאט, אריינרעכענענדיג פראגראמען צו שטיצן אן עלעקטריציטעט סיסטעם ריין פון קארבאן, אריבערפירן די טראנספארטאציע סיסטעם צו לויפן אויף עלעקטריציטעט און אינוועסטירונגען אין קלימאט שטאנדהאפטיגקייט. די גאווערנארס פארלאנגען אויך אז 40 פראצענט פון בענעפיטס פון די קלימאט און ריינע אינפראסטראקטור אינוועסטירונגען וועלכע ווערן אריינגערעכנט אין די געזעצן זאלן געמאכט ווערן אין קאמיוניטיס אין נויט.

די פולע נוסח פון די בריוו איז ווי פאלגנד:

סעפטעמבער 1, 2021

לכבוד ספּיקער פּעלאָוסי און מאיאריטעט פירער שומער:

אלץ גאווערנארס איבער די לאנד, טוהען מיר שטארק שטיצן אייערע געמיינזאמע באמיאונגען צו אריבערפירן קריטישע געזעצן וועלכע וועלן שאפן מיליאנען פון גוטע דזשאבס, צוריקבויען אונזער לאנד'ס אינפראסטראקטור, פארבעסערן פובליק געזונטהייט, שטיצן ענווייראמענטאלע גערעכטיגקייט און זיך ספראווען מיט די קלימאט קריזיס.

קלימאט טויש פארערגערט די וואלד פייערן וואס ברענען אין די מערב, שטורעמעס וועלכע דראאען אויף די מזרח און עקסטרעמע היצן וואס לייגן אריין אין סכנה מענטשן און חיות איבער די גאנצע לאנד. יעצט איז די צייט פאר דרייסטע קלימאט שריט. די לעצטיגע באריכט פון די אינטער-גאווערנמענטעל פאנעל אויף קלימאט טויש (Intergovernmental Panel on Climate Change ,IPCC) רעכנט אויס

פרטיות'דיג דאס וואס מיר ווייסן שוין — די געלעגנהייט וואס מיר האבן צו פארמיידן קלימאט קאנצעקווענצן וואס קענען נישט פארראכטן ווערן ווערט ווייטער און ווייטער, און מיר מוזן אונטערנעמען שריט שנעלערהייט און אריינגעמנדיג אלעס אין באטראכט.

אזוי ווי מיר דערנענטערן זיך צו די 26'סטע יונייטעד נעישענס קלימאט טויש קאנפערענץ פון פארטייען (COP 26) אין נאוועמבער, פארלאנגט זיך עס פון די פאראייניגטע שטאטן ארויס צו ווייזן אז אמעריקע איז גרייט צו פירן און לייזן די קלימאט קריזיס. פרעזידענטביידן האט זיך אונטערגענומען פאר אמעריקע'ס וועגן צו רעדוצירן ביז 2030 אירע שעדליכע גאז עמיסיעס צו 50 ביז 52 פראצענט נידריגער פון די שטאפלען ווי עס האט געהאלטן אין 2005. אמעריקע'ס מעגליכקייט צו נאכקומען דעם ציהל איז געוואנדן אויף וויאזוי מיר רעאגירן צו קלימאט טויש היינט.

פרעזידענט ביידן האט פארגעשלאגן די 'בוי צוריק בעסער' אגענדע צוריקצובויען אמעריקע אין א יושר'דיגע און גלייכע וועג צו זיכער מאכן אז אמעריקע'ס עקעאנאמיע בליהט אין די 21'סטע יאר-הונדערט. עס איז גאר וויכטיג אז קאנגרעס זאל אריבערפירן סיי די אומפארטייאישע אינפראסטראקטור דיעל און סיי א דרייסטע און ברייטע רעקאנסיליעישען ביל צו נאכקומען די ציהלן פון די 'בוי צוריק בעסער' אגענדע. יעדע טייל פון די 'בוי צוריק בעסער' אגענדע איז גענוג ווערט צו אריינגערעכנט ווערן אין אן אינפראסטאקטור געזעץ, אבער אלץ גאווערנארס פון סטעיטס וואס זענען אויף די פארנט ליניעס פון די קלימאט קריזיס, לייגן מיר א באזונדערע דגש אז די ברייטע געזעץ זאל אריינרעכענען די פאלגנדע שריט מיט די מערסטע ווירקונג כדי צו באשיצן אונזער קלימאט:

- קארבאן-פרייע עלעקטריציטעט סיסטעם: א ריינע עלעקטריציטעט דורכפירונג פראגראם, פארברייטערונג פון טעקס קרעדיטס פאר ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און סטארעדזש, און געלטער פאר נייע און פארגעשריטענע עלעקטריציטעט אריבערפירונג.
- עלעקטראנישע טראנספארטאציע: טעקס קרעדיטס פארן פאבריצירן קארן וואס שפייען נישט אויס קיינע שעדליכע גאזן; באלוינונגען פאר קליענטן, באזונדערס אזעלכע וועלכע האבן נידעריגע איינקונפט, צו קויפן אזעלכע קארן וואס שפייען נישט אויס קיינע גאזן; געלטער פאר גאז-ריינע אינפראסטראקטור; און עלימינירן געזעצליכע שטרויכלונגען צו באקומען פעדעראלע 'רייט אָוו וועי' (רעכט צו נוצן פובליק לאנד פאר עלעקטריציטעט).
- מעטעין עמיסיע רעדוקציע: געלטער צו פארשטאפן פארלאזטע גאז קוועלער און איינפירן א מעטעין פארפעסטיגונג שטייער פארן אויסלופטערן אדער פארברענען איבעריגע מעטעין גאז.
- קלימאט-קלוגע אגריקולטור: אינוועסטירונג אין פראגראמען צו האנדלען מיט אגריקולטור (פארמינג) און וועלדער אויף אן אופן וואס איז קלוג, זיך רעכענענדיג מיט די קלימאט, פאר פארמער און דארפישע קאמיוניטיס.
- קלימאט שטאנדהאפטיגקייט: אינוועסטירונג אין שוץ-מיטלען פאר קאמיוניטיס און טראנספארטאציע אינפראסטראקטור פון די ווירקונגען פון קלימאט טויש, אזוי אויך שטאנדהאפטיגע שטיצע פאר א נייע ציווילע קלימאט קערפערשאפט.
- ריינע בויען באלוינונגען: נייע צוריקצאלונגען פאר מענטשן וועלכע קויפן איין עלעקטראנישע מיטלען פאר זייער היים און וואס רענאווירן זייער הויז צו שפארן הייצונג/קילונג מיט נאטורליכע מיטלען.
- ריינע ענערגיע פראגראם צו שטיצן אינוועסטירער: אוועקשטעלן א פראגראם צו מאביליזירן פריוואטע אינוועסטירונג אין ענערגיע דיסטריביושען רעסארסן; רענאוואציע פון פריוואטע, ביזנעס און רעגירונג געביידעס צו שפארן ענערגיע; און ריינע טראנספארטאציע.

מיר טוהען אויך פארלאנגען מיט רעספעקט אז סיי וועלכע אינפראסטראקטור געזעץ זאל זיכער מאכן אז 40 פראצענט פון די בענעפיטן פון קלימאט און ריינע אינפראסטראקטור אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו קאמיוניטיס אין נויט און זאלן אינוועסטירן אין דארפישע קאמיוניטיס און אין קאמיוניטיס אויף וועלכע די מארקעט-באזירטע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע וועט משפיע זיין. מיר זענען גאר אויפגעהייטערט

'צוריקצובויען בעסער' צוזאמען מיטביידע פון אייך, און מיר זענען איבערגעגעבן צו נעמען די שריט צו פאראויס רוקן די קריטיש-וויכטיגע אגענדע.

מיט דאנק,

גאווערנאר קעטי האוקאל, ניו יארק
גאווערנאר געווין ניו·סאָם, קאליפארניע
גאווערנאר נעד לעימאָנט, קאנעטיקוט
גאווערנאר דעיוויד איג, האוואי
גאווערנאר דזשענעט מילס, מעין
גאווערנאר סטיוו סיסאָולעק, נעוואדא
גאווערנאר קעיט בראון, ארעגאן
גאווערנאר טאם וואלף, פענעסילווייניע
גאווערנאר דען מעקקי, ראוד איילענד
גאווערנאר דזשעי אינסלי, וואשינגטאן

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן